

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

דברים
תשי"ב
גליון קכ"ט

## פראגע

**זאלן מיר זאגן אויף אלעס אז ס'איז גוט, אפילו מיר שפירן נישט אזוי?**

## ענטפער:

יא! ווייל ס'איז דא א מצוה פון "והלכת בדרכיו" – דו זאלסט גיין אין די וועגן פון השי"ת, און אויב זאגט דער אויבערשטער אין די תורה: "וירא אלקים **את כל אשר עשה**" – דער אויבערשטער האט געזען אלעס וואס ער האט געמאכט, "והנה **טוב מאד**" – און אלעס איז זייער גוט, דער אויבערשטער אליינס זאגט אז ס'איז זייער א גוטע וועלט! און דעריבער, אנשטאט ארומגיין און קרעכצן, "ס'איז צו הייס. ס'איז אזוי יומיד", אדער "ס'איז צו קאלט – ס'איז א שלעכטע וועטער; ס'רעגנט," אנשטאט די אלע זאכן, דארפן מיר אייביג רעדן ווי גוט דער באשעפער'ס וועלט איז.

ס'איז הייס? וואונדערבאר! די עפל אויפ'ן בוים באקן זיך אפ און ווערן רויט. די בארן ווערן יעצט זיס אויף דיביימער. אויב עס וואלט נישט געווען הייס, וואלטן זיי נישט געווארן זיס.

ס'איז קאלט? אויך וואונדערבאר! די ערד רוטט זיך יעצט אפ פון פראדוצירן פירות און ירקות, און בשעת זי רוטט זיך אפ ערהוילט זי זיך פון אלע מינעראלן וואס זי האט פארלוירן, אלע מאטריאלן וואס די ערד האט פארלוירן דורכאויס'ן זומער. אן די ווינטער וואלט נישט געקענט זיין זומער. אויב וואלט געווען זומער אגאנצער יאר, וואלט די ערד געהאלטן אין איין ארויסגעבן פראדוקציע און וואלט צום סוף געווארן טרוקן און אומפרוכטבאר. דאס איז די סיבה פארוואס די ערד נעמט א וואקאציע ווינטער. קעלט איז געוואלדיג. קעלט צווינגט די ערד אויפצוהערן ארויסגעבן געוויקסן.

רעגן איז וואונדערבאר. אָן רעגן זענען מיר גארנישט. ווען עס רעגנט, קומען מיר אראפ פון די הימל. יא, איר זענט אמאל אראפגעקומען אין די רעגן. וואס זענען מירן? א מענטש איז 80% רעגן-וואסער. מיר האבן אמאל אראפגערעגנט פון הימל... דעמאלטס זענען **מיר** אראפגעקומען פון די וואלקענעס, און **זיי** האבן זיך אפגערעדט קעגן אונז...! דאס איז אונזער שאנס אראפצוקומען אויף דער וועלט! דאס איז רעגן! און דערפאר, ווען רעגן קומט אראפ, קומען אראפ אלע ישיבה-בחורים און זייערע צוקונפטיגע כלה'ס, די כלה'ס פון בית יעקב קומען אראפ. אלע קומען אראפ צוזאמען מיט די רעגן פון הימל. רעגן איז וואונדערבאר.

איז דער אויבערשטער זאגט אז ס'איז זייער א גוטע וועלט, און ער וויל אז מיר זאלן עס כסדר חזר'ן. הודו לד' כי טוב, אז ער האט אונז געגעבן אזא גוטע וועלט; און אויב איר וועט עס האלטן אין איין זאגן, נאך א ווייל, נאך א שטיק צייט, וועט איר עס אויך אנהייבן צו שפירן. (799)

## פראגע

**פארוואס קלאגן מיר אויפ'ן בית המקדש, און פארוואס טאקע האבן מיר נישט דעם ביהמ"ק?**

## ענטפער:

ווען מיר קלאגן אויפ'ן בית המקדש, קלאגן מיר אויף זיך אליינס. מיר זענען זייער צעבראכן פאר אונז אליינס, ווייל וואלטן מיר ווען געלעבט אין די צייטן פונעם בית המקדש און אנערקענט די חשיבות, וואלטן מיר געלעבט גאר אן אנדערע לעבן.

ווען מיר זאגן דעם "ושם נעבדך ביראה" – מיר ווילן דיר דינען מיט ציטער; מיר טרויערן אויף זיך אליינס, ווייל מיר וואלטן אזויפיל

ווען געקענט ערררייכן אויב מיר וואלטן ווען געהאט דעם ביהמ״ק.

אודאי איז כבוד שמים אויך עפעס. מיר באוויינען אויך דער כבוד פון השי״ת וואס פעלט, אבער די גרעסטע ווייטאג איז אז **מיר** האבן פארלוירן די געלעגנהייט.

און יעצט קומט די קשיא: פארוואס זענען מיר נישט זוכה צום בית המקדש?

דער ענטפער איז: עס וואלט נישט געווען קיין טובה פאר אונז. אויב וואלטן מיר ווען היינט געהאט דעם בית המקדש, וואלטן געווען אזויפיל מענטשן - מאדערן-ארטאדאקס אידן - וואלטן ווען געמאכט טריפס אהין און זיי וואלטן ארויפגעגאנגען, מענער און פרויען אומ׳צניעות׳דיג; זיי וואלטן ווען גענומען בילדער פונעם ביהמ״ק און געגעסן ״פיקניקס״ אויף דער ערד.

ניין! בעסער זאלן עס די אראבער האבן. די אראבער לאזן קיינעם נישט ארויפקומען. קיין בילדער. קיין קורצע קליידער. ס׳איז פארזיכערט; אין די אראבישע הענט איז עס מער אפגעהיטן. די בעסטע פלאץ היינט פאר׳ן מקום המקדש איז אין די הענט פון די אראבער. פאר די אידן? א כפרה אז עס זאל זיין אין אידישע הענט! חס ושלום!

און אפילו אין פרומע הענט; איר דארפט צו וויסן אז אויב וואלט איר ווען ארייגעגאנגען אינעם ביהמ״ק און געזען אז מען שעכט דארט אויף אלע זייטן; בלוט און חֵלֶב און קישקעס, מיר זענען נישט צוגעוואוינט דערצו. מיר וואלטן געטראכט: ״וואס גייט דא פאר?! אזויפיל שחיטות? הארגענען בהמות? הארגענען אזויפיל אומשולדיגע באשעפענישן?! ס׳איז א שרעקליכע זאך. און ס׳איז דא בלוטיג ווי אין א בוטשער געשעפט.

״אה,״ זאגט דער איבערשטער, ״גיי ארויס פון דא! דו פארשטייסט נישט וואס די בית המקדש איז! ס׳איז קודש קדשים! יעדע ריר, יעדער קליינע פרט איז קודש קדשים!״

און דערפאר איז עס נישט פאר אונז! מען דארף זיין גאר גרויס צו קענען פארשטיין צו די קדושה פונעם בית המקדש. אויב מיר וועלן שטייגן גענוג גרויס, וועט דער איבערשטער אונז איין טאג צוריקברענגען און מיר וועלן קומען אין בית המקדש, וועלן מיר טון די עבודה ביראה! ושם נעבדך ביראה – מיר וועלן עס טון מיט׳ן גרעסטן רעספעקט און מורא. דעמאלטס וועט זיך אונז קומען דער ביהמ״ק. אבער יעצט שטייען מיר בעסער אן דעם. (E-108)

## פראגע

**וואס זאל זיין אונזער השקפה בנוגע מופן קיין ארץ ישראל? זאלן מיר זיך צוגרייטן צו מאכן אן עליה קיין מדינת ישראל?**

## ענטפער:

עס איז א גרויסע חילוק צווישן ארץ ישראל און מדינת ישראל. מיר דארפן זיך יעדן טאג צוגרייטן צו גיין קיין ארץ ישראל. יעדן טאג דארפן מיר זיין גרייט, ווייל ווען משיח וועט קומען וועט מען נישט האבן צופיל צייט זיך גרייט צו מאכן. דער חפץ חיים איז אייביג געווען פארנומען זיך צו גרייטן. ער האט געשריבן ספרים אויף קדשים און די עבודת בית המקדש, די דינים וואס וועלן זיין נוגע ווען מען בויט דעם בית המקדש, כדי מיר זאלן וויסן וואס צו טון ווען מ׳קומט אן אהין. איז די סארט הכנה דארפן מיר זיכער מאכן. כסדר דארף מען זיך גרייט מאכן פאר דעם גרויסן טאג ווען משיח קומט.

אויב איר קלערט אבער ווען זיך צוגרייטן אליינס אהינצוגיין, אן משיח, דאן ווענד זיך עס שווין אין אייערע מצבים. אויב איר גייט דארט וואוינען אין זייער א פרומע געגנט, וואס וועט זיין **בעסער** ווי אייער יעצטיגע סביבה, איז נישט דא קיין סיבה פארוואס איר זאלט נישט זוכן צו זיין בעסער. פארוואס נישט?

אבער אויב איר גייט סתם אזוי קיין ארץ ישראל, ווייל ס׳איז מדינת ישראל, זיך צו באזעצן אין סיי-וועלכן פלאץ, לוינט זיך עס נישט. ווייל מען קען מופן אויף פלעצער אין ארץ ישראל וואס זענען פונקט ווי שיקאגא, און ווי די ערגסטע געגנטער אין שיקאגא. אויב איר מופט קיין תל-אביב, צו געוויסע געגנטער אין תל-אביב, און אסאך אנדערע פלעצער אין מדינת ישראל, איז עס נישט קיין שום חילוק ווי זיין מופן צו שיקאגא. איז איר דארפט וויסן וואו איר ווילט מופן.

אבער אויב האט איר א גוטע פלאץ צו גיין, וואו איר וועט קענען בעסער שטייגן, פארוואס נישט? ווילאנג איר קענט דארט מאכן פרנסה, פארוואס נישט? (טעיף 9)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו״ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו״ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט״א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
.Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

סידור ועימוד ע״י מערכת להתענג וכל הזכויות שמורות

# אין אלע ספרים געשעפטן!

דער ספר וואס וועט
דערלייכטן אייערע אויגן,
און דערפרישן אייער נשמה!




אידיש!

## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל










$1
א וואך
מועדים $3

**בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק**

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

**אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com**

# באשיינט אייער שמחה, שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב